**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL קומט ארויס מיט "TRAILBLAZERS IN BUSINESS" סערטיפיקאציע אינציאטיוו און ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם צו פארשטערקערן ניו יארקע MWBE'ס דורכאויס טונקל-הויטיגע היסטאריע חודש**

***סערטיפיקאציע אינציאטיוו אפפערט אומזיסטע שטיצע דורך סטעיט-ברייטע נעטווארק פון ביזנעס ראטגעבער***

***בויט ארויף אויף סטעיט'ס הצלחה מיטן פארשנעלערן MWBE סערטיפיקאציע צו 90 טעג***

***ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם 3.0 עפנט אפליקאציעס פאר קאנסטרוקציע און סעמי-קאָנדאַקטער אינדוסטריעס***

***105 מיליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן שוין געשלאסן דורך ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראמען***

***'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פארשלאגן רעכענען אריין העכערע ערלויבטע איינקויפונגען אן פארמאלע קאנטראט פראצעדור, אלטערנאטיווע וועגן צו אויספירן פראיעקטן און אויטאריטעט צו דורכפירן ערשטיגע בארעכטיגונג איבערבליק — כדי צו פארמערן MWBE באטייליגונג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט צוויי אינציאטיוון צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ( Minority and Women-owned Business Enterprise, MWBE) דורכאויס טונקל-הויטיגע היסטאריע חודש, ארויפבויענדיג אויף איר לעצטנס אנאנסירטע 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פארשלאגן צו רעפארמירן MWBE קאנטראטן פראצעדורן. ידי "Trailblazers in Business" סערטיפיקאציע אינציאטיוו און די ניו יארק סטעיט MWBE ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' 3.0 פראגראם ( MWBE Business Growth Accelerator Program 3.0) וועלן פארמערן געלעגנהייטן פאר MWBE'ס אריבער די סטעיט. לויפנדיג פון יאנואר 20 ביז פעברואר 28, 2025, באנוצט זיך די סערטיפיקאציע אינציאטיוו מיט א סטעיט-ברייטע נעטווארק פון ביזנעס ראט צענטערן צו צושטעלן אומזיסטע, ארומנעמיגע שטיצע צו העלפן קוואליפיצירטע MWBE'ס אויספילן זייערע אפליקאציעס פאר סטעיט סערטיפיקאציע. צוזאמען מיט דעם, הויבט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) אן איר ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם, געווידמעט צו צושטעלן טעכנישע הילף און ביזנעס אנטוויקלונג טרענירונג פאר סערטיפייד MWBE'ס אין די קאנסטרוקציע אינדוסטריע און סעמי-קאָנדאַקטער פאבריצירונג קאנסטרוקציע פעלדער כדי זיי צו העלפן קאנקורירן פאר רעגירונג און פריוואטע קאנטראקט געלעגנהייטן מיט הויכע ווערט.

"דורכאויס טונקל-הויטיגע היסטאריע חודש, טוהען מיר אונטערנעמען דייטליכע שריט צו אויסברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייט און שאפן א מער אריינגעמיגע ביזנעס אטמאספערע אריבער ניו יארק סטעיט,

אריינרעכענענדיג היסטארישע רעפארמען צו אויסגלאטן די פראצעדורן פון איינקויפן פון MWBE", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזער Trailblazers in Business איניציאטיוו גלאט אויס די וועג צו באקומען MWBE סערטיפיקאציע, אין די צייט וואס אונזער ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם טוט אויסשטאטן פירמעס מיט ספעציאליזירטע טרענירונג אין קאנסטרוקציע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג. צוזאמען, עפענען די פראגראמען נייע קאפיטלען פון געלעגנהייט אין ניו יארק'ס עקאנאמישע צוקונפט, זיכער מאכנדיג אז יעדע קוואליפיצירטע ביזנעס קען ביישטייערן צו אונזער סטעיט'ס וואוקס."

**טשיעף דייווערסיטי אפיסער, Julissa Gutierrez (דזשוּליסא גוּטיערעז), האט געזאגט,** "די Trailblazers in Business איניציאטיוו בויט ארויף אויף אונזער אויפגעוויזענע פארפליכטונג צו די הצלחה פון MWBE'ס. דורכן אויסגלאטן די סערטיפיקאציע איבערבליק פראצעדורן און צושטעלן אקטיווע שטיצע דורך אונזער נעטווארק פון ביזנעס ראטגעבער, טוהען מיר שאפן באדייטפולע געלעגנהייטן פאר קוואליפיצירטע ביזנעסער אריבער די סטעיט. די באמיאונגען פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס און טרייבן פאר אריינגעמיגע עקאנאמישע וואוקס וואס בענעפיטירט אלע ניו יארקער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "אין די צייט וואס מיר גלאטן אויס די סערטיפיקאציע פראצעדור דורך אונזער Trailblazers in Business איניציאטיוו, טוהען מיר אויך אנגרייטן MWBE'ס פאר פרעצעדענטלאזע געלעגנהייטן אין קאנסטרוקציע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג. אונזער ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם שטעלט צו די אינדוסטריע-ספעציפישע טרענירונג וואס פארלאנגען זיך אין די פעלדער, זיכער מאכנדיג אז ניי-סערטיפייד ביזנעסער זענען גרייט צו קאנקורירן און מצליח זיין אין ניו יארק'ס שנעלסטע-וואקסנדע אינדוסטריעס."

**ESD דיוויזיע פון אנטוויקלונג פון ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ( Division of Minority-and Women-Owned Business Enterprise Development) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Jason Clark (דזשעיסאן קלארק), האט געזאגט,** "אונזער לאנד'ס-פירנדע ראטע פון זיך באנוצן מיט MWBE'ס אויף 32 פראצענט ווייזט ארויס די השפעה פון קלוגע, געציהלטע שטיצע. דורכן פארשנעלערן די סערטיפיקאציע פראצעדור און צושטעלן ספעציאליזירטע ביזנעס אנטוויקלונג דורך אונזער 'עקסעלערעיטאר' פראגראם – וואס האט שוין אויפגעטריבן איבער 105 מיליאן דאלאר אין קאנטראקטן – טוהען מיר אויספלאסטערן אן ארומנעמיגע וועג פאר ניו יארק'ס MWBE קאמיוניטי צו מצליח זיין."

**'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פארשלאגן צו אויסברייטערן MWBE געלעגנהייטן**
אין איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט פארשלאגן צו ווייטער אויסברייטערן MWBE געלעגנהייטן אריבער ניו יארק סטעיט. די גאווערנער'ס פלאן רעכנט אריין צו פארמערן די מאקסימאלע סומע וואס די רעגירונג קען נוצן איר שיקול הדעת צו איינקויפן פראדוקטן אדער סערוויסעס פון אן MWBE אן די פארמאלע פראצעדורן צו 1.5 מיליאן דאלאר, ברענגענדיג ניו יארק סטעיט צו די MTA און ניו יארק סיטי סטאנדארטן כדי צו אויסגלאטן איינקויפונג פראצעדורן און שאפן נייע קאנטראקט געלעגנהייטן פאר ניו יארק'ס MWBE קאמיוניטי.

די פארשלאגן ברייטערן אויך אויס נאך אלטערנאטיווע מעטאדן פון אויספירן פראיעקטן, ווי צום ביישפיל פראגרעסיווע דעזיין-בויאונג און קאנסטרוקציע מענעדזשער בויאונג, גיבנדיג א גלייכערע געלעגנהייט פאר קליינע און ניי אויפשטייגנדע פירמעס. אין צוגאב, פארברייטערט די גאווערנער די אויטאריטעט פון סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו מאכן ערשטיגע בארעכטיגונג (פרי-קוואליפיקאציע) ליסטעס, זיכער מאכנדיג אז קאנטראקט פארשלאגן וואס ווערן איבערגעקוקט זענען פון פאסיגע פירמעס בשעת'ן שטיצן אויפשטייגנדע MWBE פירמעס אין די קאנטראקט פראצעדור.

די ארומנעמיגע רעפארמען באפעסטיגן ניו יארק'ס פאזיציע אלס א נאציאנאלע פירערין ביים שטיצן MWBE וואוקס און הצלחה, ברענגענדיג נייע וועגן פאר סערטיפייד ביזנעסער זיך צו פארמעסטן פאר-און וואקסן מיט סטעיט קאנטראקטן.

**Trailblazers in Business סערטיפיקאציע אינציאטיוו**

ארויפבויענדיג אויף ניו יארק סטעיט'ס אויסגעגלאטע סערטיפיקאציע פראצעדור וואס מאכט שוין יעצט א באשלוס אין אזוי ווייניג ווי 90 טעג, וועלן אנטיילנעמער אין די Trailblazers in Business סערטיפיקאציע אינציאטיוו קענען באקומען אפילו שנעלערע באשטימונגען. ביזנעסער מוזן טאקע נאכקומען די פאדערונגען וועלכע זענען אויסגעלייגט אין דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law) ארטיקל 15-A און טייטל 5 כדי צו זיין קוואליפיצירט, אבער די אינציאטיוו ציהלט צו נאך מער פארשנעלערן די פראצעדור פאר בארעכטיגטע אפליקאנטן וועלכע שיקן אן אנטווארט צו פארלאנגען פאר אינפארמאציע ביז פינף ביזנעס טעג.

MWBE'ס קענען זיך פארבינדן מיט די פאלגנדע ארגאניזאציעס פאר אומזיסטע הילף מיט זייער אפליקאציע:

- נייע ביזנעסער הילף צענטערן (Entrepreneurial Assistance Centers) – esd.ny.gov/entrepreneurial-assistance-program
- קליינע ביזנעס אנטוויקלונג צענטערן (Small Business Development Centers) – nysbdc.org
- עמפייער APEX עקסעלערעיטאר – empireapexMWBE@nystec.com
- LaGuardia APEX Accelerator – laguardia.edu/ce/business-services/apex-accelerators
- Bronx Chamber of Commerce – bronxchamber.org
- La Fuerza Unida Community Development Corporation - lafuerzacdc.org/pages/services

**ניו יארק סטעיט MWBE ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם**

די ניו יארק סטעיט MWBE ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם 3.0 בויט ארויף אויף די הצלחה פון די פריערדיגע רונדעס פון דעם פראגראם וועלכע האבן געהאלפן פארגרעסערן די קאפאציטעט פון 125 MWBE פירמעס און ערמעגליכט איבער 105 מיליאן דאלאר אין געשלאסענע קאנטראקטן. דער פראגראם וועט צושטעלן אינטענסיווע טעכנישע הילף און ביזנעס אנטוויקלונג טרעינירונג פאר סערטיפייד און וואוקס-אריענטירטע MWBE'ס אין די קאנסטרוקציע אינדוסטריע און סעמי-קאָנדאָקטער פאבריצירונג קאנסטרוקציע פעלדער.

אנטיילנעמער וועלן באקומען ברייטערע צוטריט צו ניו יארק סטעיט אגענטור קאנסטרוקציע און סעמי-קאָנדאָקטער פאבריצירונג קאנסטרוקציע-באזירטע קאנטראקטן; צו עקספערטן אין אינדוסטריע אנגעלעגנהייטן; קאנסטרוקציע קאסטן אפשאצונג און קאנטראקט פארשלאג מומחיות; פינאנציעלע הילפס-מיטלען צו אנגרייטן קאנטראקט פלענער; און א ספעציעל צוגעפאסטע, סטראטעגישע פינף-יאריגע ביזנעס וואוקס פלאן מיט באגלייטונג און טעכנישע הילף. אינטערעסירטע אפליקאנטן קענען זיך איינגעבן דא.

דער ניו יארק סטעיט MWBE ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם וועט דורכגעפירט ווערן אין פיר שטאפלען:

- שטאפל 1 (חודשים 1-3): פארשפרייטן די ידיעה, רעקרוטירן און אויסשטעלן לערנען פלענער

- שטאפל 2 (חודשים 4-11): אינטענסיווע טרענירונג באזירט אויף לערנען פלענער צוגעפאסט צו באדערפענישן פון אנטיילנעמער
- שטאפל 3 (חודשים 12-15): אינדיווידואלע קאָוטשינג און ביזנעס וואוקס פלאן אנטוויקלונג
- שטאפל 4 (חודשים 16-18): שטיצע נאכן גראדואירן און אנגייענדע הילף

כדי צו זיין קוואליפיצירט פאר דעם ניו יארק סטעיט MWBE ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם 3.0, מוזן אפליקאנטן זיין א קאנסטרוקציע סערוויס, קאנסטרוקציע קאנסאלטינג אדער סעמי-קאָנדאָקטער פאבריקאציע קאנסטרוקציע אינדוסטריע פירמע וואס איז שוין אין אפעראציע פאר צום ווייניגסטנס צוויי יאר. דער פראגראם איז אומזיסט פאר באטייליגטע און וועט דורכגעפירט ווערן מיט בינזעס אנטוויקלונג הילף פונדערוויטנס און פנים אל פנים, אריינרעכנענדיג ווארקשאפס, אינדיווידועלע הדרכה און נעטווארקינג געלעגנהייטן.

**גאווערנאר Hochul'ס (האקול) שטיצע פאר ניו יארקער MWBEס**
אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט טראנספארמירט איר MWBE פראגראם צו ווערן א נאציאנאלע מוסטער פאר אריינגעמיגע עקאנאמישע וואוקס. א סטראטעגישע 11 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין פיסקאלע יאר 2023 האט עלימינירט די אנגעהויפנטע ווארטנדע אפליקאציעס פאר סערטיפיקאציע און האט רעדוצירט די צייט צו באקומען אן אנטווארט אויף אן אפליקאציע צו 90 טעג אדער ווייניגער. זינט אויגוסט פון 2023, האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ערפאלגרייך סערטיפייד און רי-סערטיפייד 3,700 ביזנעסער, פארגרינגערנדיג צוטריט צו סטעיט קאנטראקט געלעגנהייטן.

ניו יארק זעצט פאר צו וואוקסטעלן נאציאנאלע סטאנדארטן פאר MWBE באטייליגונג, איבערשטייגנדיג איר ציהל זיך צו באנוצן מיט אזעלכע ביזנעסער אויף 30 פראצענט פאר די פערטע יאר אין א רייע מיט א לאנד'ס-פירנדע ראטע פון 32.21 פראצענט. די פראצענט מיינט נאענט צו 3 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן געשלאסן מיט סערטיפייד MWBE'ס אין פיסקאלע יאר 2023-24, ביישטייערנדיג צו די סך הכל פון כמעט 12 ביליאן דאלאר אין קאנטראקטן זינט גאווערנער Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס. נאך ווייטער פארשטערקערנדיג די השפעה פון דעם פראגראם, האט די גאווערנער לעצטנס פארגעשטעלט די ניו יארק סטעיט MWBE סערטיפייד זיגל, אן אפיציעלע צייכן פון סערטיפיקאציע וואס פארמערט די זעהבארקייט פון קוואליפיצירטע ביזנעסער און עפנט נייע געלעגנהייטן סיי מיט רעגירונג און סיי מיט פריוואטע סעקטאר שותפים.

**סטעיט סענאטאר James Sanders Jr. (דזשעימס סענדערס דזשוניאר) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס 'Trailblazers in Business' סערטיפיקאציע איניציאטיוו און ביזנעס וואוקס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם זענען לויבווערדיגע שריט אין ריכטונג פון באפולמעכטיגן ביזנעס קערפערשאפטן אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען אין ניו יארק. די פראגראמען שטרייכן אונטער א פארפליכטונג צו אראפברעכן שטרויכלונגען און שאפן לאנג-אנהאלטנדע געלעגנהייטן פאר MWBE'ס, באזונדערס אין וויכטיגע אינדוסטריעס ווי קאנסטרוקציע און סעמי-קאָנדאָקטער פאבריצירונג. כאטש עס איז פאסיג צו אנהויבן אזעלכע איינפלוסרייכע איניציאטיוון דורכאויס טונקל-הויטיגע היסטאריע חודש, מוזן מיר זיכער מאכן אז די באמיאונגען ציהען זיך ווייטער נאך פעברואר, פלעגנדיג אנהאלטנדע וואוקס און גערעכטיגקייט פאר אונזערע MWBE'ס דורכאויס די יאר און פאר פילע קומענדיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגלידערין Rodneyse Bichotte Hermelyn (ראדניס בישאט הערמעלין) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול)'ס אמביציעזע MWBE פארשלאגן, באזונדערס דאס העכערן די מאקסימאלע סומע צו איינקויפן פון MWBE'ס אן פארמאלע פראצעדור צו 1.5 מיליאן דאלאר. פאר יארן קעמף איך שוין צו העכערן די מאקסימום, און איך האב מצליח געווען צו

אראפבערכן שטרויכלונגען אין ניו יארק סיטי דורכן איינפירן העכערונגען צו 1.5 מיליאן דאלאר מיט מיינע קאלעגן. יעצט טוהען מיר עפענען נאך מער געלעגנהייט דורכן ברענגען ניו יארק סטעיט צו די זעלבע איינקויפונג סטאנדארטן ווי די MTA און ניו יארק סיטי כדי צו באפולמעכטיגן אלע MWBE's אריבער אונזער געוואלדיגע סטעיט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן